בחצרות
# סאטמאר
צענטער פאר אלע נייעס, בילדער און מודעות בחצרות סאטמאר די בכל אתר ואתר

בעזהשי"ת

יום ה' | מקץ | כ"ז כסליו | תשע"ב | מגילה: חזרה

# באריכט:

## שמחת הברי"מ בחצרות קדשינו

היינט אינדערפרי ארום 9:30 איז מרן רבינו שליט"א ערשינען אין בית מדרשינו הגדול אין בארא פארק ווי דער רבי שליט"א האט געדאווענט שחרית לכבוד די שמחת ברי"מ פונעם אור—אייניקל ווי נעכטן באריכטעט.

מיט'ן רבי'ן שליט"א האבן געהאט די זכי' מיט-צו-דאווענען די תלמידי הישיבות פון בארא פארק לכבוד חנוכה, ווי צו אמירת ההל איז מרן רבינו שליט"א צוגעגאנגען צום עמוד.

נאכ'ן דאווענען איז פאהרגעקומען דער שמחת הברית לבן הנולד לנכד מרן רבינו שליט"א – הר"ר חיים צבי טייטלבוים שליט"א בן הגה"צ ר' ברוך שליט"א חדב"ן, ווי עס האבן זיך אויך באטייליגט די זיידע'ס און עלטער זיידע'ס פונעם רך הנימול.

מיט סנדקאות איז מכובד געווארן דער עלטער עלטער זיידער הגה"צ מ'סוליצא שליט"א, און אלס מוהל האט געדינט דער זיידע הגה"צ ר' ברוך שליט"א חדב"ן. מיט אל הכסא איז מכובד געווארן הגה"צ אב"ד דקהלתינו בארא פארק שליט"א, און מיט'ן כיבוד פון מן הכסא איז מכובד געווארן דער עלטער זיידע הגה"צ אבד"ק וואלאווע שליט"א.

דער רבי שליט"א האט געזאגט די ברכות וקריאת השם, ויקרא שמו בישראל מאיר נאכ'ן דשיקוב'ער זיידע ז"ל, און אלס סנדק מעומד האט געדינט דער עלטער זיידע הגה"צ מ'דשיקוב שליט"א.

דערנאך איז פאהרגעקומען דער ברית לבן הנולד לר' משה אברהם ווייס הי"ו פון בארא פארק ווי דער רבי שליט"א איז געווען סנדק און מוהל.

נאך די ברית איז פאהרגעקומען דער סעודת מצוה ווי עס האבן זיך באטייליגט די תלמידי הישיבה גדולה פון בארא פארק, ווי עס האט אויפגעטרעטן דער אבי הבן שליט"א און דער עלטער זיידע וואלאווע'ר רב שליט"א און דאן האט דער רבי שליט"א משמיע געווען דברות קודש לכבוד די שמחה ווי דער רבי שליט"א האט גערעדט דברי חיזוק פאר די בחורים.

מיט יום ליבשה איז מכובד געווארן הגה"צ ר' חיים יעקב רובין שליט"א אב"ד ציעשנוב וראש ישיבתינו בב"פ, און מיט ברכהמ"ז איז מכובד געווארן דער עלעטער זיידע דשיקובעב'ר רב שליט"א.

❧•❧

נאך די סעודה איז דער רבי שליט"א צוגעפאהרן צום בנין הישיבה קטנה אויף די 49'סטע גאס ווי דער רבי שליט"א האט באזוכט די בחורים און דערביי משמיע געווען דברות קודש פאר די תלמידי הישיבה.

❧•❧

דערנאך האט דער רבי שליט"א מנחם געווען האבלים די קינדער פון המנוח הרה"ח מוה"ר זלמן ליכטמאן ז"ל ראה"ק דקהלתינו הק' אין בארא פארק.

❧•❧

ווען דער רבי שליט"א איז אנגעקומען אין וויליאמסבורג אין די נאכמיטאג שטונדן, איז דער רבי שליט"א אומערווארטעט ערשינען אויף א באזוך אינעם בית האופה דקהלתינו הק' ווי דער רבי שליט"א האט א לענגערע צייט בעאובאכטעט די ארבעט וועלכער ווערט געפירט מיט א שטארקע פינקטליכקייט און תכלית ההידור אויף יעדן טריט און שריט אנגעפירט דורך די געניטע הנהלת בית האופה.

❧•❧

ארום 9:15 אויפדערנאכט איז דער רבי שליט"א ערשינען אין ביהמ"ד הגדול אין וויליאמסבורג צו הדלקת נרות חנוכה ווי דערנאך האט דער רבי שליט"א משמיע געווען דברי תורה לכבוד חנוכה.

❧•❧

**דער אימעיל פונעם מערכת פאר קאמענטארן, נייעסן, בילדער,**
**און וויאזוי אויך ארויפצוגיין אויף אונזער רשימה איז:**
**BechatsrosSatmar@Gmail.com**

**ארויפצוגיין אויף אונזער ליסטע, אדער אראפצוגיין**
**מוז ארייגעשיקט ווערן א אימעיל אדרעס מיט א נאמען**
**פונעם ערהאלטער פון יענער אדרעס און שטאט ווי מען וואוינט.**